פּאַציענט & קעירגעבער לערנען

# מכוח טראָגן אַ מאַסקע אין MSK פֿאַר פעדיאַטרישע פּאַציענטן & זייערע משפּחות



ביטע טראָגט אַ מעסקע בשעת איר זענט ביי אונז, אַפילו ווען איר זענט אין אייער צימער. עס איז באַוויזן געוואָרן אַז מאַסקעס זענען איינע פון די עפעקטיווסטע אופנים צו פאַרזיכערן די געזונט און זיכערהייט פון אונזערע פּאַציענטן, איינגעשטעלטע און באַזוכער.

## צי דאַרף מיין קינד טראָגן אַ מאַסקע אין MSK?

אַלע קינדער וואָס זענען 2 יאָר אַלט און עלטער דאַרפן טראָגן אַ מאַסקע.

## איך בין אַ קעיר געבער, צי דאַרף איך טראָגן אַ מאַסקע אין MSK?

יאָ, עס איז וויכטיג אַז יעדער איינער זאָל טראָגן אַ מאַסקע אין MSK.

## וויאַזוי העלפט עס אויב מען טראָגט אַ מאַסקע?

צודעקן דעם מויל און די נאָז ברענגט היפּש אַראָפּ די שאַנסן פון פאַרשפּרייטן אינפעקציע דורך קליינע טראָפּנדלעך וואָס קומען אַרויס פונעם מויל ווען מען רעדט, ניסט אָדער הוסט.

## וויאַזוי טראָגט מען אַ מאַסקע ריכטיג?

פנים מאַסקעס דאַרפן צודעקן די נאָז, דעם מויל און די גאָמבע. אויב מעגליך, מאַכט צורעכט די מאַסקע כדי עס זאָל גוט אַרומכאַפּן דעם פנים פוןביידע זייטן.

## קען איך נעם די מאַסקע אַראָפּ?

יאָ, איר מעגט אַראָפּנעמען די מאַסקע ווען איר עסט אָדער טרינקט. אויב אַן איינגעשטעלטער אָדער באַזוכער קומט אַריין אין אייער צימער, ביטע טוהט די מאַסקע ווידער אָן.

## וואָס אויב איך דאַרף אַ נייע מאַסקע?

אויב איר דאַרפט אַ נייע מאַסקע, פרעגט ביי סיי וועלכע מיטגליד פון אייער העלטקעיר מאַנשאַפט.

פאר מער ריסאורסעס, באזוכט www.mskcc.org/pe צו דורכקוקן אונזער ווירטועלע לייברערי.

---

About Wearing a Mask at MSK for Pediatric Patients & Families - Last updated on November 9, 2020

אלע רעכטן ווערן געאייגנט און רעזערווירט דורך מעמאריעל סלאון קעטערינג קענסער צענטער

Memorial Sloan Kettering Cancer Center